בעזהי"ת

ספר

# צניעות ישראל כהלכתה

(לבית דוד)

בספר הלזה קיבצתי פסקי גאוני ורוזני ארץ מדור הישן ומדורנו, שכל אשה תהדר ותתאמץ לילך לאשה הרופאת נשים ולא לאיש כדי להינצל מאיסורי יחוד ושאר מכשולות המתרחשים יום יום.

גם העתקתי מעיתונים האמת שהודו הרופאים ע"ע בלי בושת, כי דרכם להכשיל הרבים בתועבותיהם ואין מעצור להם, ואין רואים בזה שום חסרון, אדרבה מתפארים בזה.

גם העתקתי נוסח קול קורא'ס שונות שנתפרסמו ע"פ חוצות ופעלו גדולות ונצורות לתקן פירצה זו.

— ברוקלין, יצ"ו • שנת תשמ"ב —

יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים

# הקדמה

(פאָרוואָרט)

לס׳ צניעות ישראל כהלכתה

דער דאָזיקער ספר ענטהאַלט דעם פסק דין פין אַלטען ירושלים׳ער בי״ד, און אויך יבלח״ט די היינטיקע גאונים וצדיקים, אַז פרויען וואָס זיי גייען צו דאָקטוירישע וויזיטן מוזען זוכען אַ פרויען דאָקטער, אויב מען קען נישט מוז מען עכ״פ אַכטונג געבען אויף דעם איסור יחוד.

עס אַנטהאַלט אויך די שריפטען און דאָקומענטען וואָס ווייזען קלאָר דעם טרויריגן אמת אַז רוב דאָקטורים זענען לעצט קלאַסיקע ברואים וואָס מאַכען חרוב די יסודות פון אידישקייט, און פאַרזינקען דאָס אידישע הייליגטום אין אַ קוואַל פון גרויזאַמקייט און צוברעכען אידישע שטיבער.

מיר זענען דאָ אויך מלקט די קול קורא׳ס וואָס זענען צושפרייט געוואָרען די פאַרגאַנגענע פאָר יאָר, אויפצוואכן און אויפצוטרייסלען דאָס יהדות החרדית איבער די גאַנצע וועלט, מען זאָל דרש׳נען און וואָרענען, און אויך מעורר זיין איינער דעם צווייטען אויף די פאַרשידענע מכשולות וואָס פאַסירען ביי דאָקטורים וואָס דעריבער פאָדערט זיך אַז קיינער זאָל נישט לאָזען זיין בעל בית׳טע אָדער טאָכטער גיין צו אַ מאַן דאָקטער, און אויב מען מוז, נאָר מיט אַ געהעריגע באַגלייטונג וואָס איז עפ״י שו״ע.

יהי רצון שיערה ה׳ עלינו רוח טהרה ונזכה לטהר לבבנו לעבוד ליוצרנו בכל כוחנו ובכל נפשנו ובכל מאודנו עד שישלח לנו משיחנו ויקבץ נדחנו במהרה בימינו אמן.

ספר

# צניעות ישראל כהלכתה

## אַ רוף צו רבנים

די מכשולות פין פרויען וואָס גייען צי דאָקטוירים זענען געוואַלדיג גרויס דערפאַר דריקען מיר דאָ דעם נוסח וואָס דער בית דין אין ירושלים האָט מפרסם געווען 45 יאָר צוריק וועגן דעם ענין, ווי אויך דעם פסק דין פין די עמודי הוראה הגה״צ מפאפא שליט״א, און הגה״צ מדעברעצין שליט״א, כדי מען זאָל דאָס נישט גרינג האַלטען, ווייל אין דעם איז אָפּהענגיק די קומענדיגע דורות.

— א —

ב״ה

# לאפרושי מאיסורא

## מטעם הרבנים הגאונים הבד״צ לכל מקהלות האשכנזים שליט״א.

י״נ טבת תרצ״ב לפ״ק, פעה״ק ירושלים ת״ו,

כאשר רבים מיראי ה׳ התלוננו לפנינו על פרצה כדת הנעשית מבלי יודעים, שנשים הדורשות ברופאים מתיחדות עם הרופא בחדרו ועוברות על איסור דאורייתא לזאת הננו לפרסם בזה דין תוה״ק שאסור לאשה להתיחד בחדר אחד עם איש אפילו אם הוא רופא ומעיין

ברפואתה. ובנות ישראל הכשרות ישמרו עצמן מאיסור חמור הזה, ויעשו שאלת מורה צדק תחלה איך להנצל מאיסור יחוד בשעה שהן צריכות לדרוש בעצת הרופא.

ולהשומעים יונעם, והשי"ת ישמרנו מכשלון ח"ו וירים קרן תוה"ק ומצותיה.

בד"צ לכל מקהלות האשכנזים

נאם פנחס בהגרי' ז"ל עפשטיין

נאם שמחה בונם ווערנער

נאם דוד הלוי יונגרייז

## (איבערזעצונג אויף אידיש)

אזוי וויא פיל יראים האבען זיך פארקלאגט פאר אונז אויף א פאר־שוועכונג פון אונזער הייליגע תורה. וואס ווערט נעטהון ניט וויסענדיג. דורך דעם וואס פרויען וועלכע קורירען זיך ביי איין דאקטער זיינען מיט דעם דאקטער אליין אין זיין צימער. דארום זיינען מיר מודיע דעם דין התורה אז א פרוי טאר ניט זיין אליין אין איין צימער מיט א פרעמדען מאן אפילו ווען ער איז א דאקטער און קורירט איהר דאריבער מח יעדע פרוי פרעגען א שאלה ביי דעם רב וויא זיך צו באגיין ווען זיא דארף גיין צו א דאקטער. אום זיא זאל ניצול ווערען פון די עבירה פון יחוד.

— ב —

דאָ זענען מיר מעתיק די תשובה פון שר התורה עמוד ההוראה כ"ק הגה"צ אדמו"ר מפאפא שליט"א, וואָס איז געדריקט געוואָרען אין תשל"ז אין זיין נייעם ספר „ויען יוסף" וזל"ק:

ע"ד איסור יחוד אצל הרופא הנה מאוד נצטערתי ע"ז למצוא היתר לנשים ההולכות משום איזה מיחוש אצל רופא כי היתר של בעלה בעיר לכאורה לא שייך שהרופא מירתת, ואף שיכולה לצעוק ובחוץ ממתינים אנשים מ"מ איסור יחוד אינו דוקא על חשש אונס אלא גם על חשש פיתוי וכו'.

ע"כ נראה להחמיר ליקח אשה אחת, ואם אי אפשר אני אומר להשואל דהבעל ילך עכ"פ עמה וימתין בחדר החיצון דעי"ז קצת דומה להיתר של בעלה בעיר, דכשיודעין שניהם הרופא והאשה שבעלה ממתין בחוץ מסתבר דשייך מירתת אף שאין דרך ליכנס בלי רשות, ומה שאמרתי דנכון שיהא הבעל גם בפנים היינו רק אם אפשר אבל אם אין הרופא מסכים וגם אינו מסכים שתהא אשה אחרת שם, יכולין לסמוך על צדדין הנ"ל כשבעלה עכ"פ בחוץ.

ידידך דושה"ט באה"ר
ה"ק יוסף גרינוואלד

– ג –

בעזהי"ת

**נשאלתי בדין יחוד לאשה שהולכת לרופא נשים.**

השבתי, הנה בספרי באר משה ח"ג וח"ד הארכתי וביארתי חומר הענין שנשים צעירות עם מיחוש כל דהוא הולכין לרופא נשים שהוא איש, שזה איסור גמור דידוע שהרופאים בזמנינו רובם ככולם בעלי עבירות גדולים הם עם מאה תאוות בלבם ובכל מיחוש כל דהוא הם עושים כל מיני תחבולות למלאות תאוותם הגוף וע"כ החוב על הנשים לילך לרופא נשים שהיא אשה. אך עם מיחוש גדול ח"ו במקום לידה שא"א לילך לרופא נשים אשה אז הרשות ניתן להן לילך לרופא נשים איש, אבל אהה! והלא לפנינו שאלה חמורה איסור יחוד, וביותר ששמועות מבהילות פורחות שהרבה נשים כבר נתפתו להרופאים וביותר יש רופא נשים אחד בינינו שהוא רשע גמור וכבר שבר כמה בתים ע"י מעשיו הרעים וגם אלו שעדיין לא נתפתו אבל רעל דיבורו ולשונו החריף והשנון מהגוף המעשה שבאלו הדברים הוא אומן גדול ובעל נסיון, עפרא לפומי' הטמא, כבר מפעפא בקרב לב נשים שהלכו אצלו והרבה צרות ודאגות עמוקות גרמו לבעליהם בפרט ולהורי האיש והאשה בכלל, [וידוע לי שם אותו רשע ערום ואפילו שמות ב' רופאים כאלו, דהלא הכל יודעים שעם שאלות אלו דופקים על פתחי שתסמר מידי יום ביום ובזמן האחרון איש ואשה ביחד באו אצלי והגידו ענינים מרופא אחד מאלו ב' רופאים שתסמו שער אחד וכמעט מצד ההלכה הי' החוב מוטל להגיד ברבים אם לא שיש סכנה בדבר ובפרט שהאשה אמרה שאם יבא הדבר לערכאות תאמר בפירוש שלא אמרה כאלו הדברים ולא תאמר בפני הרופא שום דבר ומי יודע טעמו של דבר ה' ירחם על דור יתום הזה] ומי יודע כמה מאלו רופאים נשים בינינו שעדיין מעשיהם הרעים אין ידוע לנו והסכנה מרחפת על כל הנשים שהולכות אצלם רחמנא שזיב לן מהאי צרה. ובודאי החוב ואין שום היתר אחר בדבר אך ורק שהאיש ילך עמה להרופא נשים ויאמר להרופא שיתן לו רשות ליכנס בחדר שהוא בודק אשתו ואם איננו רוצה ואיננו מסכים שיהי' עמה מתחלת הבדיקה אלא עכ"פ יהי' לו רשות להיות בחדר הסמוך והפתח יהי' קצת פתוח, ואם א"א להבעל לילך עמה אז אם האשה או אחותה או גיסתה או חברתה תלך עמה ותעשו ככל הדברים הנ"ל, ואם איננו מסכים אז תלך לרופא אחר שידענא שיש הרבה רופאים שנותנים רשות ע"ז ואין אנו במדבר הפקר בעזהי"ת ובלא"ה אין אני יודע שום היתר.

וע"ז בעה"ח אלול תשל"ו פה ברוקלין יצ"ו

**משה שטערן**

אב"ד דעברעצין יצ"ו

## איבערגעזעצט אין יודיש

# די תשובה פין דעברעצינער רב שליט״א וועגען פרויען גיין צי דאָקטוירים

איך האָב שוין גערעדט באריכות אין מיין ספר באר משה (ח״ג־ח״ד) וועגן דעם האַרבקייט וואָס יונגע פרויען מיט יעדע קלייניקייט גייען זיי צי אַ מענער דאָקטער, וואָס דאָס איז אַ געוואַלדיגע איסור, ווי עס איז טרויעריג באַוואוסט אַז די היינטיגע דאָקטוירים זענען כמעט אַלע גרויסע בעלי עבירות און בעלי תאוה דערפאַר איז דער פליכט אויף די פרויען צי גיין צי אַ דאָקטערין (פרוי דאָקטער).

נאָר אין אויסנאַם פאַל מיט אַ ערנסטען ענין וואָס מען קען בשום אופן נישט גיין מיט דעם צי אַ פרוי דאָקטערין, דאַמאָלט איז מותר אויך אַ מענער דאָקטער, אָבער דער איסור יחוד שטייט אונז נאָך אַלס אין וועג, נאָך מער עס געפינט זיך צווישען אונז אַ דאָקטער אַ רשע וואָס האָט שוין ציבראָכען אַסאַך אידישע שטיבער, אין איך קען אפילו צוויי פין דעם סאָרטביים נאָמען, לעצטענס איז מען אויך געקימען צי מיר אין דערציילט מעשיות וואָס די האָר האָבען זיך געשטעלט קאַפויר.

עפ״י הלכה איז מען כמעט מחויב מפרסם צי זיין די נעמען ווען נישט וואָס עס איז פשוט אַ סכנה, און ווער ווייסט וויפיל אַזעלכע דאָקטוירים געפינען זיך צווישען אונז וואָס עס איז נאָכנישט נתגלה געוואָרען זייערע נעמען, און עס שוועבט אַ רוחניות׳דיגע סכנה אויף אַלע פרויען וואָס גייען צו זיי.

דערפאַר איז אַ חוב, און עס איז נישטאָ קיין שום אַנדערען היתר נאָר אַז איר מאַן זאָל מיטגיין מיט איר אין זיין מיט איר ביים דאָקטער, אויב נישט לכה״פ זאָל ער זיין אין דערבייאיגען שטיב און די טיר זאָל זיין אַביסעל אָפען, אויב עס איז נישט מעגליך פאַרען מאַן מיטציגיין דעמאָלט זאָל איר מיטער אָדער שוועסטער, שוועגערין מיטגיין, אויב ער איז נאָך אַלס נישט מסכים, זאָל זי זיכען אַ צווייטען דאָקטער, ווייל איך ווייס אויף זיכער אַז עס געפינען זיך אַסאַך דאָקטוירים וואָס געבן ערלויבעניש אויף דעם, אויסער דעם ווייס איך נישט קיין שום היתר.

פין די אויבנדערמאָנטע פסקים נעמען מיר אָן דעם דעת תורה פון די גדולים אין פריערדיגן דור, און גלייכצייטיג די גדולים פון היינטיגן דור. אַלע פסק׳ענען, אַז דער יחוד ביי דאָקטוירים, וואָס מיינט אַ פרוי וואָס איז אַליין מיט אַ דאָקטאָר אין שטוב, איז טיילווייז ערגער ווי סתם יחוד, און דערפאַר טאָר קיין שום אידישע טאָכטער, אָן אויסנאַם, פון 3 יאָר אַלט און ווייטער, נישט גיין צו קיין שום מאַן־דאָקטאָר אָן דער באַגלייטונג פון אַ חבר׳טע אָדער קרובה, אָדער אַ פרוי קען גיין מיט איר מאַן, און נאָר דעמאָלט איז זי ערלויבט צו גיין צום דאָקטאָר, נישט קיין רונטערשייד צי דאָס איז אַ ציין־דאָקטאָר, אַ ביינער־דאָקטאָר א.ד.ג.

משה שטערן

– ד –

**יצחק יעקב ווייס**
ראב״ד לכל מקהלות האשכנזים
פעיה״ק ירושלים תובב״א
מח״ס שו״ת מנחת יצחק

# בענין ביקורת נשים אצל רופאים

בס״ד, ירושלים עיה״ק ת״ו, יום ה׳ שלח תשל״ז לפ״ק.

## שאלה

ע״ד אשר נתפשט מאד בזמה״ז הביקורת נשים אצל רופאים בכל חולי הגוף ומיחוש כל שהוא, ובעוה״ר הביא זאת לכמה תוצאות מבהילות ונוראות, אשר נסתעף ע״י יחודם עם הרופאים בדלתיים סגורות וכו׳. וכהיום הזה עוד ירדו אחורנית הרופאים ברשעותם (חוץ מיחידי סגולה) עד שאול תחתית ר״ל, ובודאי יש לגדור גדר ולעמוד בפרץ עד שידינו מגעת בעזה״י וכו׳.

## תשובה

אמנם אף שטרדותי רבו, מ״מ אמרתי אשיחה וארווח לי, לדבר קצת בעיקר ההיתר של בדיקת נשים אצל רופאים אנשים, אשר המנהג להקל בזה, ונודע כי הדבר תלוי באשלי רברבי וכו׳.

אמנם כל רואה יראה לעינים, דאף שמנהג הנשים לילך לבדיקת הרופאים במיחושים שלהם יש על מי לסמוך, אבל כמה גודל האחריות להנצל מאביזרייהו של ג״ע, דהרי יסודו של ההיתר הנ״ל בנוי על מה „שאין הרופא והאשה מכוונים לשם תאוה וכו׳ רק לצורך רפואה, והרופא באומנתו עוסק״ כנ״ל, דנודע בזמן הזה קלותם וחשדותם של הרבה רופאים, וביותר באלו שעיקר התמחותם בעניני נשים, ולבם גס בהם, דבודאי יש לחוש שיעשה עמהם מישושים יותר מהצורך, ורק לשם חיבה, ונשים דעתן קלות יתרצו בזה, אשר לשיטת הרמב״ם יש בזה איסור מה״ת, אלא שבמקום סכנה או מיחוש שיבוא לידי סכנה, יש לצרף מה שכתב בתשו׳ הרדב״ז בבעל לאשתו נדה, דאף דבג״ע יהרג ואל יעבור, וכמו (בסנהדרין דע״ח), כ״ז דוקא אם החולי בא ע״י העבירה, אבל לא היכא דלא בא החולי ע״י העבירה, וכתב שם דאף חולי שאין בו סכנה, מ״מ אם יש לחוש שיבוא לידי סכנה מותר עיי״ש, ופשיטא דכ״ז ברופאים שלא אתחזק בהו איסורא שהביא לתוצאות נוראות ר״ל, אבל במיחוש שאין בו שום חשש

סכנה, בודאי יש לה לילך להתרפא אצל רופא אשה, או אצל רופא המוחזק לירא חטא, או עכ"פ לרופא שאתחזק לאינו חשוד בעריות.

**והנה כל הנ"ל רק בנוגע למעשה הבדיקה לבד, היכא שאין משום איסור יחוד, והזהירות שלא להכשר באיסור יחוד בנדון דידן חוץ דינא דאיסור יחוד גופא, עוד בנ"ד הוא פשוטו כמשמעו למגן ומחסה שלא תיפול בפח דזוהמא והטומאה, ואף כל ההיתרים ואימת מלכות וכיב"ז הנזכרים בפוסקים קשה לסמוך עליהם בנדון דידן, אשר גם באנשים כשרים ונשים צדקניות תלוי בפלוגתא דרבוותא, שבודאי בריקים ופוחזים וחשודים על עריות, ונשים דעתן קלות, כאשר הראה הנסיון, אין בהם כדי סמיכה. ושפיר חזו עיניו כל הפוסקים המדברים בזה וכו'.**

**ובזה הי' נראה למעשה:** היכא דאשה מוכרחת לילך לביקורת של רופא איש, אם אפשר שבעלה ילך עמה, ויהי' בחדר הסמוך לחדר הביקור ופתח פתוח, בודאי הי' טוב ונכון. אבל אין זה באפשרות בכ"פ, ובפרט לאיש חרד ות"ח לילך למקום שמתקבצים נשים לטיפול הרופאים, תלך עמה פנימה בחדר הביקור א' מהנשים המבוארים בש"ע (א"ע סי' כ"ב סעי' י'), ואם אי אפשר תלך עמה פנימה כנ"ל אשה שבעלה בעיר,ובעליהם ידעו שהולכות לשם, **ויש בזה עוד מעליותא דאף שהרופא גס עם האשה שמקבלת הביקור, אבל עם השני' אין לבו גס, וכמ"ש בזה בס' זכרון עקדת יצחק, וגם ל"ש בזה מה שכתבנו דמירתתי רק על זמן קצר, דבשני' שלבושה במלבושי' ל"ש זאת.** ויהי' הפתח פתוח קצת אם אפשר ואם לא, עכ"פ לא יהי' נעול. **דבכה"ג אפשר לצרף דהוי פתח פתוח לכמה פוסקים,** וצריך לברר קודם הסדר דשם, **אם עכ"פ העובדים רגילים לפעמים לפתוח הדלת לשאול איזה שאלה מהרופא, דאז שייך יותר מירתת.** ואם אפשר שהאשה ההולכת עמה תהי' זקנה בודאי טוב, כנ"ל. **עכ"ל.**

– ה –

**העתקנו כאן דעת תורה של הגה"צ המפורסם פה מפיק מרגליות דורש טוב לעמו** כ"ק אדמו"ר מקאשוי שליט"א, **הנדפס מחדש בספר היקר פתח האהל השלם.**

## איסור יחוד

א) ועתה נבא לבאר בס"ד המציאות האיומה שיש בעבודת האפי"ס (ושאר מקומות עבודה) שנעשה בעוה"ר במדינה זו כהיתר. ראש וראשון הוא ענין של איסור יחוד אשר כמעט א"א שם להזהר מזה כאשר יבואר, וטרם כל שיח צריך לידע דאי' יחוד, וכן כל אי' בענין עריות ואביזרייהו האשה מצווה ממש כמו האיש כמבואר בכריתות (י':) ובחינוך (מצוה קפ"ח). ועי' מנ"ח (מצוה א' שלהי אות א') בענין זה, ושם מביא קו' כפ"ת לדעת האחרונים דבמקום שיש עליו מצות עשה לישאנה ולדחות לאו, אז אם האשה אינה מצווה על העשה שוב לא דוחה עשה שלו הלאו וכן מבואר בתוס' בכ"ד (ומהם ב"ב י"ג.) גבי ליתי עשה דפרו ורבו ולדחי ל"ת דלא יהי' קדש, גבי חציו עבד וחציו בן חורין ותי' תוס' שם בתירוצם השני דכיון דלגבי דידה ליכא עשה שוב אי אפשר לדחות הלאו, (ועוד הוסיף הכפ"ת דגם בתוס' ישנים כתובות (מ'.) מבואר כדעת האחרונים). וקשה מיבמות (כ' ע"א) דפרכינן גבי יבום אלמנה לכ"ג וגרושה לכהן הדיוט ליתי עשה דיבום ולדחי ל"ת דגרושה, ומאי פריך הגמ' הרי לגבי דידה ליכא עשה. ותי' מנ"ח דגבי יבום גם גבי דידה איכא מצוה רק שכ' דמל' הרמב"ם ז"ל לא נראה כן, ע"כ תי' מנ"ח דתוס' כתבו כן גבי לאו דלא יהי' קדש משום דשם יש לאו מיוחד גם לגבי דידה, לא תהי' קדשה, לא כן במקום שהלאו לא מיוחד ומפורש אצלה רק נמשך מכח לאו שלו, דכתיב בל' רבים וכדומה, שם אמרי' כיון דהוא אינו מוזהר מכח עדל"ת וכדומה שוב גם לגבי דידה ליכא איסור, ע"ש. ובאמת יש ליישב קו' הכפ"ת דביבום א"א לו לקיים המצוה רק עמה לא באחרת, על כן מותרת גם היא, לא כן בחציו עבד היא אינה מחוייבת לסייע לו שיקיים פ"ו, יקח לו אחרת, שוב בכה"ג לא דחי אצלה העשה את הל"ת. עכ"פ נחזור לנ"ד שכל האיסורים שנזכרים אצלו הכל גם אצלה, ועי' שד"ח (ח"ב לד 208) באורך גדול בענין השוה הכתוב אשה לאיש בכל הפרטים וענינים, ע"ש.

ב) והנה אלו שעובדות באפי"ס, קשה להן מאוד להזהר מאיסור יחוד, וזה כולל בין הפנויות בין הנשואות, ונדון קודם בנשואות, בהרבה אפיסע"ס סגור הדלת לגמרי מפני חשש ופחד של גזלנים וכדומה, והיא נשארת לבדה הרבה פעמים עם הבעה"ב, ומה שיש לעיין דלכאו' קי"ל בשלהי קידושין (פ"א.) בעלה בעיר אין חוששין משום יחוד וכן נפסק (בסי' כ"ב

ס"ח) להלכה אמנם כבר כ' ב"ש שם דזה לשיטת תוס' דוקא אולם לשיטת רש"י ור"ן איסורא איכא עכ"פ, והב"ח מחמיר כרש"י ור"ן, וכבר הביאו באחרונים דברי רבינו ירוחם בשם הרמ"ה, דאינם לנוע יחמיר כרש"י, ואם כי יש מחלוקת באחרונים לענין פסק הלכה מ"מ באיסור דאורייתא אזלינן לחומרא ויחוד של אשת איש דאו', וכן פנויות שבזה"ז דאינן טהורות הוא איסור דאו' ואיך נתיר לכתחילה לילך לאפים, ובפרט לאלפי נשים ונערות, אשר עפ"י רוב באות לידי אי' יחוד, או בקביעות או בדרך ארעי.

ג) אמנם אפי' האחרונים המקילין כשיטת התוס' (הנזכר באות הקודם) מ"מ בלבו גס בה מודים דאסור כמבואר בשו"ע שם והרבה פוסקים סוברים כן, ומה נקרא לבו גס בה מבואר בשו"ע שם (סעיף ז') דמי שעסקו עם הנשים מקרי לבו גס בה, ועי' בריטב"א ז"ל דעסקו עם הנשים הוה לי' כפרון ולא מהני, לא היתר של הרבה נשים ולא היתר של אשתו עמו ועוד יתר חומרות עפ"ה א"כ בנ"ד שרגיל הבעה"ב עמה כל הימים, ועסקו עמה בתדירות פשיטא דנפל היתר של בעלה בעיר בבירא ועוד ראי' העירוני מד' יש"ש ומגי' בטו"ז ובר"ן דבמלמד שמביאין האמהות כל יום אצלו התינוקות (וכן להיפוך) אז מקרי לבו גס בה, כיון שבאי' מדי יום ביומו, א"כ כ"ש בנ"ד שיושבת עמו כל היום כולו.

ד) והנה בדובב מישרים (סי' ה') מביא ראי' דלא מהני בעלה בעיר אחר קינוי, מהא דס"ל לר"א דמשקה את הסוטה עפ"י עצמו, והוא ראה שנסתרה, א"כ הי' בעלה בעיר, ע"ש. ובאמת בזה יש לפקפק דמשכח"ל שראה בשדה כגון שנסתרה שם בחורבה ול"ש בזה בעלה בעיר, שנית גם בעיר אפשר באופן שהיא לא ידעה שבעלה בעיר והוא ראה ממקום סתר וכדומה, אמנם יש להביא ראי' מל' הגמ' (ברכות ל"א:) אלך ואסתתר בפני אלקנה בעלי, הרי שהוא בפניו ואעפ"כ הוי סתירה, ובאמת בפנ"י הקשה אם היא תרלה לעשות כן מנא ידעה שיהי' מי שיעבור על אי' יחוד, וגם יש לדקדק (ע' חנוכת התורה פ' נשא מהר"ר העשל ז"ל) למה לה לומר שתסתתר בפני אלקנה בעלה הלא די שתאמר „שתסתתר" אמנם נ' דהדא מתורלת בחברתה, שתסתתר עם איש אחד אשר לא יודע שהוא קינא לה ממנו ותסתתר עמו בפני אלקנה בעלה ובבעלה בעיר ליכא אי' יחוד, והאיש הזה לא יודע שקינא לה א"כ אין אי' אם מתייחד עמה.

ה) עוד יש לשדות נרגא בהיתר של בעלה בעיר בנ"ד, דידוע כי ב' טעמים יש על בעלה בעיר, א) כמ"ש רש"י ז"ל דמתפחדת אולי יבא בעלה פתאום, ב) דאימת בעלה עלי' בעלם, כיון שיודעת שהוא בעיר, והנה כבר כ' החכמ"א (כלל קכ"ו) דכיון דהטעם שמא יבא בעלה פתאום, א"כ בלא ידוע

לבעלה באיזה מקום היא אשתו, שאינה בביתה, אז לא מהני היתר של בעלה בעיר ע"ש, והוא הטעם גם בנ"ד אשר כעת ע"י הטעלעפאן יודעת מקום בעלה באם הוא בריחוק מקום, ממקום שהיא עובדת, ובכל עת הברירה בידה לברר ע"י הטעלעפאן ולא יכול לבא פתאום בכה"ג כמובן, אז ממילא ג"כ לא שייך ההיתר של בעלה בעיר וכד' חכמ"א. והנה יש בזה מחלוקת האחרונים איזה טעם העיקר, ומי יוכל להכריע בזה אשר הוא אי' דאורייתא ומלאתי באוצה"פ בשם שו"ת רל"ה דכשבעלה טרוד במלאכתו לא מהני בעלה בעיר, וגם מביא שם דכשהיא נמצאת במקום שנתן בעלה רשות להתייחד, אז גרע טפי ולא מתפחדת ע"ש, ואם כי שם מביא שהגאון עוז חזון איש ז"ל דעתו להקל כטעם השני שבעלם אימת בעלה עלי' מ"מ מד' אחרונים לא נראה להקל, וקשה להקל באי' דאורייתא של יחוד אשת איש, וכן הפנויות כולן נדות והוי יחוד דאו', ובפרט כי החזו"א היקל במקריות כרגיל, אבל בקביעות ובתדירות דבר שכולל אלפים ואלפים נפשות פשיטא שאין שום ס"ד להקל על סמך של בעלה בעיר, במקום שהוא מחלוקת עוד בין הראשונים האם מותר לכתחילה, ואפי' להמתירין לכתחילה הוא דוקא כשיכול לבא פתאום, ואיך נגבב כל הקולות ביחד בדבר שנוגע לרבים ממש אלפי נפשות.

ו) עוד בנ"ד שרוב אפיסע"ס המה במאנהעטען (נוא יארק) ודירת בנ"י רובא דרובא הוא בברוקלין, מי יגיד שהוא עיר אחת הלא הנהר איסט ריווער מפסיק ולענין גיטין המה שני עיירות ולענין עירוב עי' עירובין (נ"ז ע"ב), ועי' תוס' גיטין (ו' ע"א) ויש להאריך ואכ"מ, א"כ בנ"ד לא נחשב כעיר אחת להחשב כבעלה בעיר.

ז) עד עתה דברינו באופן שהדלת סגור, אמנם באמת אפי' אם לא סגרו במנעול רק נעול סתם, הלא בזה ג"כ מחלוקת האחרונים האם זה מקרי פתח פתוח עי' פת"ש (ס"ק ח') ד' הגאון בית מאיר ז"ל שבת' רעק"א ז"ל, שכ' דלא מהני והוי אי' יחוד, ואבל גדולים הללו אוסרין והללו מתירין מ"מ כבר כתבנו דבמקום מחלוקת רבותינו האחרונים ז"ל, באי' דאורייתא מי יכריע להיתר בדבר קבוע ותדיר ונוגע לרבים, וכ"ש וקו"ח דבלבו גם בה הלא החמ"א מחמיר אפי' בפתוח ממש וכ"ש בסתם נעול ולא פתוח ממש, ורבי' הרחיד"א ז"ל כ' דאין להקל בזה והעיקר כהחלקת מחוקק ולא כהחולקים עליו בזה ע"ש וכבר נתבאר דבנ"ד מקרי לבו גם בה א"כ אין מקום להקל.

ח) עוד מה שיש להוסיף בנ"ד, דהנה בפרוץ כ' הלחם סתרי' דלא מהני ההיתר דבעלה בעיר, ואפי' החולקים על לח"ס מ"מ בנ"ד שהדלת נעול עכ"פ יש לומר דכו"ע יודו להלחם סתרי', וגם שאר היתרים שיש לדון, בפרוץ לא מהני, והנה הרבה הרבה נשים שעובדות אצל קלי הדעת ומחללי

ש"ק, פרוצים ממש, וגם כל ההיתרים שנזכרו לא מהנו, ובעוה"ר היא עולם הפקר ופרוץ במלואו וצריך ליזהר יותר, ולא כימים ראשונים ימינו אלה, ה' ירחם.

ט) **והנה** דברינו עד כה באם נשארת לבדה, אולם באמת אפי' אם עובדות כמה נשים הלא מבואר דבעסקו עם הנשים אז אפי' ב' אנשים וכמה נשים לא מהני, ובשער יוסף מסיק להחמיר, ולא מבעיא בג' נשים דלכו"ע יש יחוד אפי' בלא עסקו עם הנשים אמנם בג' נשים דלרש"י מהני מ"מ כיון שעסקו עם הנשים הלא לא מהני, ובפרט אם הבעה"ב פרוץ לא מהני אפי' בהרבה אנשים כשהם פרוצים, וכבר כתבנו דבהרבה והרבה מקומות הבע"ב פרוצים ולא שומרי תורה.

י) **והנה** בנערות פנויות העובדות, הלא כולן הגיעו לפרקן ויש ייחוד דאורייתא, כמבואר באחרונים, א"כ מלבד א' עוד יש מקום להחמיר יותר כי לא שייך בעלה בעיר. ואפי' במקום שלהלכה יש למצוא היתר, הלא כ' הרמב"ם ז"ל דאיסור יחוד הוא הגדר הגדול שלא לפרוץ בעריות, וכש"כ בזה"ז שהדור פרוץ בעו"ה, צריך לגדור גדר.

יא) **ודרך** אגב יש לעורר כי צריך להזהיר הנשים והנערות בדרך כלל על אי' יחוד ולא לגבב קולות בזה, כי ההמון לא יודעים מחומר האיסור, וצריך להודיע שלא להניח פועל או סרסור (סעילסמאן) לבית, בהיותה לבדה, מלבד אי' דאו' של ייחוד יש כמה קלקולים ל"ע, וכן שלא לנסוע לבדה בקא"ר סערוויס וכדומה, ובפרט בלילה יש אי' יחוד ממש, וכן בעלעוועטע"ר (ליפ"ט) כתבתי לפני הרבה שנים להחמיר, אם כי נחלקו בזה ידידינו הגאונים שליט"א, מ"מ צריך להחמיר, וגם יש חשש מכשולים ל"ע. וגם אצל רופאים יש אי' יחוד, וכל הטעמים להקל תשאם הרוח ואין בהם ממש, ואכ"מ לבא בזה בכתובים כעת רק צריכה להזהר שתלך אם אפשר לרופא שהיא אשה או שבעלה ילך עמה בפנים (ובשעת הדחק עכ"פ הבעל ימלא בפרוזדור (וואַרט"ע זאַ"ל)), או א' מחמש נשים המבוארות באה"ע (סי' כ"ב סעי' י"א) שמותר להתייחד עמהן או עכ"פ תלך עוד אשה אחרת עמה.

# המשך פון סימן ג׳

## „איסור יחוד"

(היות דער סימן איז זייער געמישט מיט „הלכה ופלפול" און ס׳איז שווער אַלעס פונקטליך איבערצוזעצען, וועגען דעם וועלן מיר נאָר אַראָפּברענגען די הלכות אין קורצען)

א) פאַר אלעם דארף מען וויסען אַז דער איסור פון „יחוד" און אזוי אויך אלעס וואָס געהערט צום איסור פון עריות מיט קורבה און אלעס וואָס געהער דער צו, דאַרף אַ פרוי איינצוהאַלטען פונקט אזוי ווי אַ מאַן אזוי ווי עס שטייט ארויס אין די גמרא (כריתות י׳: ובחינוך).

ב) יחוד פון אַ פרוי און פון גרעסערע מיידלעך איז „אסור מן התורה".

ג) דער איסור גייט אָהן אפילו מיט איינעם וואָס זי איז נישט היימיש מיט איהם און זי זיצט נישט אין איינעם מיט איהם אַ גאנצען טאָג, און דאָך העלפט נישט אפילו דאס אז איהר מאַן איז אין שטאָט, וועגען פאַרשידענע טעמים וואָס וועגען די טעמים איז היינט כמעט נישט מעגליך קיין שום פאַל וואָס עס זאָל נישט זיין דערביי קיין „חשש איסור".

ד) אויב דער מאַן איז היימיש מיט איהר איז דער איסור פיהל גרעסער. היימיש מיט איהר הייסט דער וואָס זיין באַשעפטיגונג איז מיט פרויען, אין אזא פאַל העלפט נישט אפילו אויב עס זענען דאָ דאָרט מערערע פרויען, און אויך העלפט נישט אפילו ווען זיין אייגענע פרוי איז אויך דאָרט. מיר געפינען אין די „פוסקים" דאָס אפילו אַ „מלמד" פון קינדער האָט „די הלכה" ביים „איסור" פון „יחוד" אַזוי ווי דער וואָס איז היימיש מיט די פרויען, וויבאלד די מאמעס ברענגען די קינדער אין חדר אַריין טאָג טעגליך, ממילא קומט אויס אַז ביי די אַרבעט׳ס פלעצער וואָס זי זיצט דאָך צוזאמען מיט׳ן בעל הבית אַ גאַנצען טאָג, האבען זיי אַוודאי די „הלכה" און דער „איסור יחוד" איז ביי זיי פיהל האַרבער.

ה) ביי גרעסערע מיידלעך איז נאָך ערגער ווייל זיי האָבען דאָך נאָך נישט קיין מענער, און ווי עס שטייט שוין אויבען גייט ביי זיי אָהן דער „איסור יחוד מן התורה" פונקט ווי ביי פרויען.

ו) אפילו אויב די טהיר איז נישט פאַרשלאָסען מיט אַ שלאָס נאָר פשוט צו געמאַכט, הייסט דאָס אויך „יחוד" אפילו ווען יענער מאַן איז נישט היימיש מיט איהר.

ז) אויב יענער מאַן איז יאָ היימיש מיט איהר (אַזוי ווי עס שטייט שוין אויבען אין אות ד׳) טאָר מען נישט אפילו אויב די טיהר איז אינגאַנצען אָפען, ממילא ביי די אַרבעט׳ס פלעצער וואָס דער בעה"ב איז היימיש מיט איהר (אַזוי ווי ס׳שטייט שוין אויבען) העלפט נישט אפילו ווען די טיהר איז אינגאנצען אָפען (אפילו ווען דארט ארבעטען מערערע פרויען, און אפילו ווען זיין אייגען ווייב איז אויך דאָרט, ווי ס׳שטייט שוין אויבען).

ח) טאָמער איז יענער מאַן אַן אויסוואורף, העלפט אויך נישט אַסאך

אַנדערע היתירים וועלכע הלעפען אַלגעמיין יאָ, און לײדער אַסאך אַסאך פרויען אַרבעטען אויף פלעצער ווי די בעלי בתים זענען לײדיגע, „מחללי שבת", ממש אויסוואורפען, וואָס דאַרטען עקזיסטירט נישט קיין שום היתר, און בעווה"ר איז לײדער די גאַנצע וועלט הפקר, און מען געט נישט גענוג אַכטונג, אויף די פרויען און טעכטער איבער זייער אויפפירונג אין די פרעמד, השם ירחם.

יעצט ווי אַזוי קענען מיר „מיקל" זיין צו אַרבעטען אויף אַזעלכע פלעצער, פאַר טויזענטער און טויזענטער „נפשות" אויף אַ שטענדיגען פאָרעם, וואָס איז ממש אוממעגליך מען זאל נישט נכשל ווערן אין דעם הארבען איסור פון יחוד שטענדיג אָדער וויניגסטנ'ס צייטווייליג, (שוין אָפּגערעדט פון די פלעצער וואָס די טיהר איז געװנליך פאַרשפאַרט וועגען מורא פון פרעמדע גוים גענגסטער'ס, און אַסאך מאָל בלייבט זי גאַנץ אַליין מיטען בעה"ב, און דאָס איז לײדער ביי אַסאך אָפיסעס און אַרבעט'ס פלעצער).

ט) אפילו ביי אַ פלאַץ וואָס מען וואָלט שוין יאָ געקענט טרעפען אַ היתר, וויסען מיר דאָך וואָס דער רמב"ם ז"ל שרייבט, אַז דער איסור פון „יחוד" איז דער גרויסער צוים מען זאָל נישט צו קומען צו די האַרבע עבירות פון „עריות", און נאָך כל שכן אַוודאי היינטיגע צייטען וואָס דאס דור איז לײדער הפקר'דיג בעו"ה, דאַרף מען עס שטאַרקער איינצוימען.

י) אין איינוועגס דארפען מיר אויפמערקזאַם מאַכען אַז מען דאַרף וואָרענען די פרויען און די מיידלעך, אין אַלגעמיין אויף די האַרבקייט פון איסור „יחוד" און נישט ארויסצוזוכען „היתרים" און גרינגער מאַכען דעם איסור, ווייל דער אַלגעמיינער וועלט ווייסט נישט די האַרבקייט דערפון, און מען דארף צו וויסען טוהן אַז מען זאָל נישט אריין לאָזען קיין שום אַרבײטער אָדער אַ סעילסמאַן אד"ג אין הויז אַריין ווען זי איז אַליין אין שטוב, ווייל אויסער די עבירה פון „יחוד" קומען פון דעם אַרויס נאָך אַסאך אַנדערע האַרבע שטרויכלונגען, פאַרברעכן'ס (ל"ע), און אזוי אויך אַז זי זאָל נישט פאָרען אַליין מיט אַ קאַר סערוויס אד"ג, און בפרט ביינאכט וואָס דעמאָלט גייט אַהן דערביי ממש דער איסור „יחוד", און אַזוי אויך אין אַ עלעוועטער (ליפט) וואו אויסער דעם חשש פון „יחוד" איז דאָ דערביי אַסאך שטרויכלונגען (ל"ע), אויך ביי די דאָקטוירים איז דאָ דער איסור פון „יחוד", און אַלע טעמים אויף „מקיל" צו זיין זענען נישט אויסגעהאַלטען, נישט דאָ איז דאָס פלאַץ מאריך צו זיין אין דעם, נאָר אַזויפיל דאַרף מען וויסען, אַז אויב מעגליך זאל מען נעמען אַ דאָקטערין אַ פרוי, און ווען עס איז נישט מעגליך זאָל דער מאַן אַריין גיין מיט איהר אינעווייניג ביים דאָקטער (און בשעת הדחק איז גענוג אויב דער מאַן וואַרט אין וואַרט־זאַל, אויב דער דאָקטער ווייסט דערפון). אויב נישט זאל מיטגיין און אַריינגיין מיט איהר וויניגסטענס איינע פון די פינעף קרובות וואָס שטייט אין שו"ע (אהע"ז סי' כ"ב), און ווען דאָס איז אויך נישט מעגליך, עכ"פ זאָל מיטגיין נאָך אַ פרוי.

## מודעה ח

# אַ וואָרנונג צו אידישע פרויען

דאָס חרדישע אידענטום אין גריעטער ניו יארק, איז שטאַרק אויפגע־טרייסעלט געוואָרען פון אונזער מודעה וועגען די האַרבקייט פון לאָזען גיין פרויען אַליין צו דאָקטוירים אָן באַגלייטער. לויטן פסק דין פון די גאוני ירושלים עיה"ק און גאוני חו"ל, אין אַלע בתי מדרשים, קלויזען און שטיבלעך, האָט געהערשט אַ געוואַלדיגער טומעל פון די אויפגעברויזטע געמיטער פון אידן, וואָס האָבען גע'טענה'ט היתכן? מען האָט ביז'ן היינטיגן טאָג גאָרנישט מעורר געווען דעם כלל די האַרבקייט פון דעם. אין יעדען פאַל האָט דאָס דער גאַנצער אידענטום פון ניו יאָרק גאָר ערנסט אויפגענומען אַריינטראַכטענדיג שטאַרק אין דעם, און בפרט נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך דערוואוסט פון פאַרשידענע שוידער־ליכע פאַסירונגען וואָס זענען זיך פאַרלאָפען דורך אַזעלכע וויזיטען, און עס זענען אָנגענומען געוואָרען פעסטע באַשלוסען ביי אַלע ערליכע אידען אויף להבא נישט צו דערלאָזען מער אַ פרוי אָדער מיידעל העכער 3 יאָר באַזוכען אַ דאָקטער אַ דענטיסט, א.ד.ג. אָן אַ באַגלייטונג פון דעם מאַן, עלטערען, אָדער קרובים וואָס ווערען דערמאָנט אין שו"ע (אה"ע סי' כ"ב).

גלייכצייטיג מוזען מיר באַמערקען אַז מיר האָבען ערהאַלטען טעלעפאָנישע רופען פון רבנים און בע"ב, פון נאָענט און פון ווייט וואָס האָבען באַשטעטיגט די אַלע אויבענדערמאָנטע זאַכען, און נאָך צוגעגאָסן בוימעל אויפן פייער מיט־טיילענדיג שרעקליכע פאַסירונגען וואָס זענען זיך פאַרלאָפען בעת מ'איז געגאַנגען צו דאָקטוירים. די האָר שטעלען זיך קאַפויר, בלויז הערענדיג, וואָס דאָקטוירים האָבען אָפּגעטאָן. די רבנים האָבען אויך צוגעגעבען אַז לויט זייער מיינונג איז די מצוה מן המובחר לכתחילה צו גיין אויסשליסלעך נאָר צו פרויען דאָקטוירים.

מיטן הילף פון רבנים איז פאַרגעברייט געוואָרען אַ פולע ליסט פון אַסאַך דערפאַרענע דאָקטאָרינס, וואָס טוהען פונקציאָנירען און פראַקטעצירען אין פילע שפיטעלער וואָס ווערען גענוצט דורך הימישע אידען. פאַראינטערעסירטע זאָלען זיך ווענדען טעלעפאָניש: הרב טאַלער *

(212) 533-8478

---

*) אַ דאַנק פאַר אונזער חשוב'ן מיט־אַרבעטער, דער יונגער רב המפורסם הרב טאַלער שליט"א, וואָס לייגט אַריין פיהל ענערגישע כוחות מיט מיה צוהייבען דעם סטאַנדאַרט פון קדושת ישראל מיט מסירת נפש אָן אַ גרעניץ נאָר לזכות את הרבים ולהרחיב גבולי הקדושה. יה"ר ער זאָל זעהן די פירות פון זיין הייליגע ווערק, און זוכה זיין מזכה הרבים צו זיין לאַנגע יאָרען מיט געזונט און נחת אמן.

אויף דער רעקאָמענדאַציע פון רבנים האָט זיך געגרינדעט אַ ספּעציעלער ,,ועד" מיטן נאָמען ,,ועד לקדושת בנות ישראל" וואָס זאָל זיין טעטיג אויף דעם געביט פון אָפּצוראָטעווען און אויסצוהיטען אידישע טעכטער זאָלען ח"ו נישט קומען צו קיין שטרויכלונגען, ווי אויך צו קיין שום זאַך וואָס טוט דערנידערן דאָס הייליקייט פון אידישע טעכטער.

אין דעם זכות וואָס מען טוט וויפהל מען איז ביכולת קענען מיר האָפען אויף ווייטערדיגע סייעתא דשמיא וואָס פאַרלאַנגט זיך אין אַגרויסע מאָס, בפרט אין די ענינים.

השי"ת וועט העלפען מיר זאָלען קענען ווייטער ציען די גאָלדענע ירושה קייט וואָס ציהט זיך פון די הייליגע אמהות, זאָל זיך ציהען ווייטער.

און אין דעם זכות פון ערליכע אידישע צניעות'דיגע טעכטער האָפען מיר אויסגעלייזט צו ווערען בקרוב פון דעם ביטערען גלות פונקט ווי אַמאָל פון מצרים.

בקרוב וועט אי"ה דערשיינען אַ ספּעציעלער קונטרס ,,קדושת בנות ישראל" וואו עס ווערט אויספירליך אַרומגערעדט דער גאַנצער ענין פון די סכנות פאַר אידישע פרויען און מיידלעך וואָס גייען אַליין צו דאָקטוירים. אין דעם קונטרס ווערען אַרויסגעבראַכט אַלע איינצעלהייטען פון דער דאָזיגער פראַגע.

אין נאָמען פון די רבנים חברי ,,ועד לקדושת בנות ישראל" בעטען מיר דעם חשובען עולם צו קאָאָפּערירען און העלפען אין אונזער פאַרצווייגטער אַרבעט. העלפען צושטעלען פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס וואָס קען אונז ברענגען נוצען, אויך ווער עס איז פעאיג צוצוהעלפען דעם ,,ועד" מפרסם זיין די האַרבקייט פון דעם ענין, אָדער אַנדערע ענליכע אַקטיוויטעטען, זאָל זיך מעלדען נאָר שריפטליך צו דעם אַדרעס:

VAAD L'KDISHAS BNOS ISRAEL

# בולעטין

## אַ וואָרנונג צו אידישע פרויען

מיט א צובראכען געמיט און שווער הארץ זענען מיר געצוואונגען נאך א מאל צו שרייבען איבער די פרשה פין פרויען דאקטוירים חאטש עס איז נאך נישט פאראיבער א יאר וואס די וועלט איז אויפגעטרייסעלט געווארען נאך דעם ווי מיר האבען א ביסעל אויפגעקלערט דעם גרויסען מכשול וואס גייט פאר ווען פרויען באזוכען דאקטוירים, פון דעסטוועגען דאך מוזען מיר נאך אמאל אפעלירען און דער עפענדליכקייט צו אלע אידישע טאטעס און מאמעס וואס שטרעבען צום אמת׳דיגען ריינעם ציהל פון אנפירען א עכט כשר׳ע אידישע שטיב, און האפען מיט השי״ת הילף צו זעהן ערליכע אידישע דורות מיט אסאך נחת דקדושה.

לאזט נישט איבער דעם עיקר! און למען השם ותורתו הק׳ טוט איבער אייער מעגליכקייט אז אייער הויז געזונט זאל ווערן אונטערזיכט אויסשליסליך נאר דארך א דאקטערין (פרוי דאקטער) און אויב נישט דארף מען געווארענט זיין עס זאל ח״ו נישט זיין קיין יחוד.

דא איז נישט דער ריכטיגער פלאץ אראפ צו שרייבען אויספירלעך וואס מיר האבען זיך פריש אנגעהערט דעם פארגאנגענעם יאר, פון שוידערליכע, גייסטישע, טראגישע, שטרויכלונגען פון פרויען באזוכען וואס איז ארויס געקומען צוליב ווייניג זהירות און איסור יחוד און איסור קורבה

די האר שטעלט זיך איינעם קאפויר, דאס הארץ ווערט פארציטערט, און דער גאנצער קערפער צוטרייסעלט, פון יעדע מעשה באזונדער. מי יתן עיני מים וכו׳ . . .

מיר וועלען צוטירען דעם לשון פון הגה״צ מהר״ם שטערן אבדק״ק דעברעצין שליט״א, וואס שרייבט וועגען דעם ענין פון פרויען דאקטורים. וז״ל:

איך האב שוין גערעדט באריכות אין מיין ספר באר משה (ח״ג־ח״ד) וועגן דעם הארבקייט וואס יונגע פרויען מיט יעדע קלייניקייט גייען זיי צו א מענער דאקטער, וואס דאס איז א געוואלדיגע איסור, ווי עס איז טרויעריג באוואוסט אז די היינטיגע דאקטוירים זענען כמעט אלע גרויסע בעלי עבירות און בעלי תאוה דערפאר **איז דער פליכט אויף די פרויען צו גיין צו א דאקטערין** (פרוי דאקטער).

נאר אין אויסנאם פאל מיט א ערנסטען ענין וואס מען קען בשום אופן נישט גיין מיט דעם צו א פרוי דאקטערין, דאמאלט איז מותר אויך א מענער דאקטער, אבער דער איסור יחוד שטייט אונז נאך אלס אין וועג, נאך מער עס געפינט זיך צווישען אונז א דאקטער א רשע וואס האט שוין ציבראכען אסאך אידישע שטיבער, אין איך קען אפילו צוויי פין דעם סארט ביים נאמען, לעצטענס איז מען אויך געקימען צו מיר אין דערציילט מעשיות וואס די האר האבען זיך געשטעלט קאפויר.

עפ״י הלכה איז מען כמעט מחויב מפרסם צו זיין די נעמען ווען נישט וואס עס איז פשוט א סכנה, און ווער ווייסט וויפיל אזעלכע דאקטוירים געפינען זיך צווישען אונז וואס עס איז נאכנישט נתגלה געווארען זייערע נעמען, און עס שוועבט א רוחניות׳דיגע סכנה אויף אלע פרויען וואס גייען צו זיי, וכו׳.

דעריבער דארף יעדער אפגעהיטענער איד משתדל צו זיין אויסשליסלעך צו ניצען פאר די בני בית פרויען דאקטערענ׳ס, און אזוי ווי נישט יעדער איז באקאנט ווי אזוי מען קען אנקומען צו די פרויען דאקטערענ׳ס און אויך צו וואס פאר א קראנקהייטען מען קען האבען פרויען דאקטערענ׳ס. דעריבער טוען מיר דא בא הויפטען אז עס זענען דא היינט צו טאג א סאך פרויען דאקטערענ׳ס וואס ספעציאליזירען זיך און אלע סארט געביטען און א פרוי וואס וויל זיך פירען בצניעות האט די גלעגענהייט צו האבען פרויען דאקטערענ׳ס אויף אלע געביטען. אין יעדען שפיטאל קענט איר באקומען א ליסט פון די דאקטערענ׳ס פון זייער שפיטאל.

אין וויליאמסבורג קען מען שוין היינט צו טאג האבן א פרויען דאקטערין וואס אקצעפטירט מעדיקעיד אינעם בילדינג וואס רופט זיך
Division Medical, 138 Division Ave., Tel: 387-2408.
אין דעריבער איז א חוב קדוש אויף יעדען וואס פארמאגט נאך א פינק יראת שמים צו נוצען אויסשליסליך די דאקטערין.

מיר האבען שוין אפגעדריקט און אונזערע חיבורים אהלי ישראל, קדושת ישראל (על ה׳ יחוד וכל עניני צניעות וקדושה שבד׳ חלקי שו״ע) א פולען ליסט פון פרויען דאקטערנ׳ס. די פינקטליכע אדרעס פון די אופיסעס, און אויך אין וועלעכען שפיטאל זיי פראקטיצירען.

גלייכצייטיג ווילען מיר אויפמערקזאם מאכען אז עפ״י הוראת הגאונים המובהקים פוסקי דורינו שליט״א:

**הגה״צ מוהר״ר יצחק יעקב ווייס שליט״א ראב״ד ירושלים**
**הגה״צ מוהר״ר שמואל הלוי ואזנר שליט״א ראב״ד בני ברק**
**הגה״צ מוהר״ר יוסף גרינוואלד שליט״א אבדק״ק פאפא**
**הגה״צ מהר״ם שטערן שליט״א אבדק״ק דעברעצין**
**הגה״צ מוהר״ר רפאל בלום שליט״א אבדק״ק קאשוי**
**הגה״צ מוהר״ר אברהם לייטנער שליט״א אבדק״ק מאנטעווידעיא**

איז יעדער איד שעמדו אבותיו על הר סיני מחויב (פינקט ווי ביי אנדערע מצות זאכען און נאך מער) זיך משתדל צו זיין אויף זיין בני בית זאלען נוצען נאר א פרוי דאקטערען, און דאס איז נאר לכתחילה, אויב צוליב א סיבה איז נישט מעליך דאמאל׳ס בדיעבד, זאל מען אבער אכטונג געבען עס זאל נישט צוקומען צו יחוד, דאס מיינט אדער איר מאן זאל איר באגלייטען און זאל איר ווארטען אין ווארט זאל, דער דאקטער זאל אבער וויסען אז דער מאן איז דארט, אדער איינער פון די 7 קרובות (עיין באבה״ע סי׳ כ״ב ובספרי קדושת ישראל פרטי הלכה זו) זאל איר באגלייטען צום דאקטער, אבער צו זיין אליינס מיטען דאקטער אין זיין אפיס איז א איסור דאורייתא, ווייל אפילו ווען זי האט זיך דארט אויף געפירט עפ״י התורה האט מען דאך עובר געווען א איסור תורה במזיד, דאס איז איסור יחוד.

ובזכות פון צניעות אין ערליכקייט וועלען מיר זוכה זיין בקרוב געהאלפען צו ווערען מיט די גאולה שלימה אמן.

ב"ה, סיון תשל"ט נומער 21

# בולעטין

## דער הימעל געשריי פון די צובראכענע טאטעס און אונטערדריקטע משפחות

די פארגאנגענע וואך דינסטיג (מאי 22) איז געשטאנען אין דעם פאפולערען צייטונג, Daily News שוידערליכע טרויריגע הארץ-רייסענדע שטאטיסטישע פאקטען. דער צייטונג שרייבט פאלגענד:

25% פון די Gynecologists דאס מיינט דאקטורים פאר פרויע'נישע באהאנלונגען) האבען מודה געווען אז זיי פירען זיך נישט אידיש'ליך מיט זייערע פאציענטען (כמעשה ארץ מצרים-וארץ כנען).

13% פון General דאקטורים האבען צוגעגעבען אז זיי טוהען די זעלבע. נאך 19% האבען געזאגט (אהנע בושה) אז זיי זעען נישט און דעם קיין שום חסרון.

נאך 19% האבען צו געלייגט אז עס פעלט גאר אויס פאר די פאציענטען. די ערגסטע אין דעם פרט זענען די דאקטורים פאר פרוי'אישע באהאנדלונגען. נאך דעם קומען די פסיכיאטארען.

**מורי ורבותי!!!** ווי אזוי מעגען מיר שווייגען? ווי אזוי מעגען מיר זיצען גלייכגילטיג אין א צייט וואס די דאקטורים לייגען צוגרונט מאסען-ווייז אידישע משפחות? און דערטרונקען דאס אידישע הייליגטום אין א קוואל פון טומאה וזוהמא?

יעדער איינער פון אונז וועט דאך דארפן אפגעבן דין וחשבון פארן זיצן מיט פארלייגטע הענד!!! מען טאר נישט שווייגען, מען דארף אויפשוידערען דאס וועלט אידענטום, מען דארף דרש'נען און אויפקלערען פאר די תמימות'דיגע אידן וואס דאס באדייט,

עס הענגט ל״ע א גזירה רעה פון אויסווארצלען ח״ו דעם לעצטען פינק פון קדושת בנות ישראל. רבנים וואס גיבן שיעורים פאר בעלי בתים זענען מחויב פון צייט צו צייט אויפצוקלערען פאר די פרישע אינגעלייט די ערענסקייט פון די זאך, און מדריך זיין ווי אזוי זיי זאלען זיך פירן.

**יעדער יחיד וואס פארמאגט דעם קלענסטן השפעה איבער פרעמדע מענטשען איז מְחויב לפחות ביי זיך און שטיב משתדל צו זיין מען זאל נעמען אויסדריקליך נאר א פרוי דאקטערין**, און אויב עס איז נישט מעגליך בשום אופן זאל מען ח״ו נישט לאזן א פרוי אדער מיידעל זיין אליין מיט א מאן דאקטער און זיין אפיס, נאר מיטען באגלייטונג פון מאן אדער טאטע, אדער איינער פון די ז׳ קרובות וואס ווערען אויסגערעכענט אין שו״ע (אה״ע סי׳ כ״ב). (**דאס איז עפ״י הוראת הגה״צ מהרי״י ווייס ראב״ד ירושלים, מהר״ש ואזנר, מהר״י גרינוואלד** (**פאפא**), **מהר״ר בלום** (**קאשוי**) **מהר״ם שטערן** (**דעברעצין**), **מהר״א לייטנער** (**מאנטעווידעיא**).

**געדענקט גוט!!!** פון בלויז איין וויזיט וואס איז נישט בדרך התורה קען מען ח״ו אומגליקלעך ווערן לעולם ועד, אפהאקן דעם שלשלת פון אידישע דורות מימות עולם.

עס האט יעדער לעצטענס פאסירט דארך דיזע באזיכונגען שוידערליכע טראגעדייעס וואס בלויז א קליינע טייל דערפון איז באקאנט פאר די רבנים מסדרי גיטין, און פאר די שלו׳ בית קאמיטעען.

די מענער דארפן אויסלערנען אין שטיב אז דאקטורישע באזיך איז נישט צוליב פארגעניגען, נאר ווייל עס פעלט אויס פאר געזונטהייט געברויכען א.ד.ג. און דעריבער טאר מען נישט פארפירען קיין איבריגע שמיסען מיטן דאקטער וואס זענען נישט וויכטיג, ווייל דאס ברענגט אריין א כח זוהמא אין די השקפות פון די פרוי.

די ספרים הק׳ שרייבען אז ווען משיח וועט קומען וועט אויפגעדעקט ווערען פאר יעדען וועלעכע זענען די נשים וואס האבען אפגעהאלטען די גאולה, און וועלעכע זענען די ריכטיגע נשים צדקניות וואס האבען מקרב געוועז די גאולה.

בכבוד רב,

**נ.ב.:** אין בית ישראל האספיטעל קליניק ארבעטען צענדליגע פרויען דאקטערענס וואס מען קען זיי האבען אויף פארלאנג.
אין וויליאמסבורג קען מען האבען א פרויען דאקטערען וואס אקצעפטירט מעדיקעיט, אינעם בילדינג וואס רופט זיך:

Division Medical, 138 Division Ave.

**ועד לקדושת בנות ישראל**

# פאָרוואָרט

היות עס זענען לײדער שוין צובראָכען געוואָרען אַ סאַך שטיבער דאָרך דאָקטורישע און פסיכיאַטורישע באַזיכען וואָס דאָס האָט צוגעברענגט אַז די קינדער זענען צוטײלט געוואָרען אין פאַרשידענע הײמען וואָס דאָס ווערט דאָרכגעפירט אויף 2 אופנים: אײן אופן אַז מען נעמט אַרײן דאָס קינד אין שטיב אָבער דאָס קינד ווײסט פין זײן אָפשטאַמונג, דער צווײטע אופן אַז קינדער-לאָזע מענטשען ל״ע ווילען אויפהאָדעווען פרעמדע קינדער וואָס זאָלען נישט ווײסען ווער זײערע ריכטיגע עלטערען זענען, און אַזוי אָפּלעבען אַלע יאָרען אַז זײערע ערציערס זענען די ריכטיגע עלטערען, דער צווײטער אופן ברענגט מכשולות אויף הונדערטער ערליי איסורים מיר ווען עס אין דעם פאָלגענדען קונטרס אויפקלערען באריכות.

## אַדאָפּטירטע קינדער

א) דאָס מײנט קינדער וואָס מען נעמט זײ אָוועק פין די עלטערן (צוליב סיבות), און מען טיט זײ אויפהאָדעווען, דאַרף מען אויך אַכטונג געבן ווענען יחוד. אין פאַל ווי עס מאַכט זיך שווערקייטן זאָל מען זיך דורכשמיסען מיט אַ מורה הוראה.

די סאָרט אַדאָפּטירטע קינדער וואָס ווערן אויפגעצויגען מיטן מיינונג און אײנוואָרצלונג אַז די נײע עלטערן זײנען זײערע ריכטיגע עלטערן, און זײערע אמת׳ע עלטערן ווערן סודות-פוהל אויסבאַהאַלטן פין זײ אַ גאַנץ לעבן [וואָס דאָס ווערט געטוהן בעיקר דורך עלטערן וואָס האָבן ל״ע נישט זוכה געווען צו אײגענע קינדער, און ווילען האָבען די פיהלע ליבשאַפט און געטרײשאַפט פין די אַדאָפּטירטע און דאָס אַדורכצופירען באַהאַלטען זײ אויס זײער ריכטיגען אָפּשטאַם], ברענגען גרויסע מכשולות פאַרן צוקונפט, מיר וועלן ציטירען עטליכע:

א) קודם ווײסען זײ נישט אַכטונג צו געבן אויף יחוד קעגן די נײע עלטערן און טײלמאָל אויך צווישן די געשוויסטער, [טײל אַדאָפּטירען עטליכע קינדער פון פאַרשידענע הײמען].

עס איז דאָ פאַרשידענע נאָנטקײטען וואָס טאָר נישט זײן נאָר צווישען עלטערן און קינדער, צ.ב.ש. גריסען זיך, באַניצען זיך, אָנרירען זיך און נאָך (זעה אה״ע סי׳ כ״א).

ב) עס קען פּאַסירען אין שפּעטערדיגע יאָרען אַז אַ ברידער זאָל ח״ו חתונה האָבען מיט אַ שוועסטער, אָדער מומע, אָדער מיט אַנדערע צענדליג קרובים וואָס מען טאָר נישט, (והוא דומה ממש לדין המבואר בש״ס יומא

יח: ובש״ע אה״ע סי׳ ב׳ סעי׳ י״א, דאסור לישא אשה במדינה זו ובאחרת פן לימים ישאו אחים לאחיות, ואדרבה כאן גרע יותר דשם אין רק חשש שישתכח שם האב בעל המשפחה וכאן הלא משכיחים במזיד ואינו יודע בין ימינו לשמאלו), און נישט נאָר ביי אים איז די חשש נאָר אויך ביי זיינע שפּעטערדיגע דורות ווען קיינער געדענקט שוין גאָרנישט (עי׳ היטב אה״ע סי׳ ד׳, ט״ו, ועי׳ גם בסי׳ ו׳).

ד) אויב אַ ישראל נעמט אַ קינד אַ כהן און ער וואַקסט אויף אַלס ריכטיגען זוהן ווייסט ער נישט אַז ער איז אַ כהן און קען עובר זיין אַלע עבירות וואָס אַ כהן טאָר נישט, צ.ב.ש. גייען אויפן בית הקברות, חתונה האָבען מיט אַ גרושה, אָדער מיט אַנדערע ווען ער טאָר נישט (עי׳ אה״ע סי׳ ו׳), ער און זיינע קומענדיגע דורות וועלן אויסלייזען זייערע קינדער ביי כהנים [פדיון הבן] און מאַכן אַ ברכה לבטלה (עי׳ יור״ד סי׳ ש״ה).

ה) אויב אַ כהן נעמט אַ קינד אַ ישראל וועלן זיי דורי דורות נישט אויסלייזען זייערע קינדער [פדיון הבן], זיי וועלן דוכענען מיט אַ ברכה און עובר זיין צוויי מצות עשה ביי יעדן דוכענען, (עי׳ או״ח קכ״ח ס״א ברמ״א ובמ״ב שם). אַנדערע וואָס וועלן אויסלייזן קינדער ביי אים וועלן עובר זיין צוויי מצות עשה (מצות פדיון הבן, וברכה לבטלה. עי׳ יו״ד סי׳ ש״ה). אַמאָל קען אויסקומען אַז ער עסט חלה וואָס נאָר אַ כהן מעג, (עי׳ שע״ת תמ״ד א, ובקרבן נתנאל פ״א דביצה כ׳ ג״כ כן, וחת״ס, וחכ״ש בגליון בש״ע שם, ח״א כלל קכ״ט, מ״ב כ״ג שם).

ה*) עס קען פּאַסירן אַז אַ פרעמדער מאַכט אַ פדיון הבן אויפן קינד אָהנע טאַטע, [ווײַלע טייל אַדאָפּטירען באַלד נאָכען געבורט], (ועי׳ סי׳ ש״ה סעי׳ י׳ ברמ״א, ועי׳ בפת״ש ובדברי האחרונים המובאים שם ותראה שרק בשליח מתירים ולא בכה״ג, ע״ש).

ו) דאָס קינד ירש׳נט [זיין נישט ריכטיגען] טאַטע׳ן אינדערצייט וואָס עפ״י הלכה געהערט די ירושה פאַר די אַנדערע קרובים (עי׳ היטב בחו״מ סי׳ רע״ו). אויסערדעם וואָס פון זיין ריכטיגען טאַטע׳ן באַקומט ער גאָרנישט.

ז) זאָגט נישט קדיש נאָך זיין ריכטיגען טאַט׳ן (עי׳ רמ״א יו״ד שע״ו ופת״ש).

ח) ער זאָגט קדיש יתום נאָך זיינע נייע עלטערן ווען זיינע עלטערן לעבן נאָך (זעה פת״ש סי׳ שע״ו, ומט״א דיני קדיש, ומ״ב סי׳ קל״ב), און שטיפּט אַוועק אַנדערע חיובים, אינדערצייט וואָס ער איז נישט קיין ריכטיגער חיוב, (עי׳ היטב לבוש מ״ב סי׳ קל״ב, ודיני קדיש שבקש״ע).

ט) עס קען אים אויסקומען ווען ער דאַרף מכבד זיין דעם טאַטן, אָדער זיך אויפשטעלן פאַר אים, אָדער נישט קריגען אויף זיינע רייד, נישט זיצען אויף זיין פּלאַץ, נישט ריפען אים ביים נאָמען, זאָגען נאָך זיין שטאַרבען „זכרונו לברכה״, אָדער מכבד זיין דעם עלטערן ברידער, ער ווייסט אָבער נישט ווער דאָס איז, דאָס זעלבע טאָר ער נישט אַרויסנעמען אַ שפּענדל (קויץ) פון זיינע עלטערנ׳ס הענט, אָדער היילען דורך בלוט נעמען, א.ד.ג. אַזוי אויך מיט אַלע אַנדערע פליכטן פון קינד צום טאַטן (עי׳ ש״ע יור״ד סי׳

ר"מ, רמ"א), אין קורצען שווערע צענדליגע הלכות פין כיבוד אב ואם ווערן צושטערט (עי' יור"ד סי' ר"מ, רמ"א).

י) אויב זיין יעצטיגער טאטע הייסט אים טוהן עפעס און ער דארף פונקט טוהן א אנדער מצוה וועט ער נישט וויסען אז צוליב דעם וואס עס איז נישט זיין ריכטיגער טאטע מיז ער טוהן די אנדערע מצוה (זעה יור"ד סי' ר"מ סעי' י"ב).

יא) ביי קידושין קען זיין א מכשול אויב ער איז איינע פין די עדות ביי די קידושין פון זיינע אמת'ע קרובים און ער ווייסט נישט, (עי' אבה"ע מ"ב).

יב) עס איז דא נדרים וואס מען איז מתיר נאר צוליב דעם ווייל דער איז א טאטע (זעה יור"ד רכ"ח יא).

יב) אויב זיין פאטער און זיין רבי האבען ביידע עפעס פארלארען, אויב דער פאטער איז א תלמיד חכם איז ער פריער, און נישט איז זיין רבי פריער, אבער קעגן א פרעמדן מענטש איז אייביג דער רבי פריער (חו"מ רס"ד א, יור"ד רמ"ב ל"ד), דאס זעלבע איז אויב ביידע שלעפן א פעקל וועמען דארף ער קודם ארויסהעלפן, אדער וועמען מען דארף ערשט אויסלייזן פון תפיסה (עי' יור"ד שם).

יג) אויב ער שרייבט זיך אינטער אויף גיטין, מיט אנדערע שטרות לויט זיין יעצטיגען טאטע'ס נאמען קען דאס זיין א ערנסטע חשש.

טו) אויב איינער גייט מקבל פנים זיין דעם טאטע'ן שבת, מעג ער דורכגיין א וואסער, אבער סתם א מענטש נישט, (זעה או"ח סי' ש"א סעי' ד', ובמ"ב דכן הדין באביו, ע"ש).

טז) די מצוה פין חינוך וואס ליגט אויפן פאטער, איז מען אפשר נישט יוצא מיט איבערגעבן אין פרעמדע הענט אהנע וויסענדיג מאכען זיך א גאנץ לעבן וויאזוי ער פירט זיך (עי' או"ח שמ"ג, ובמ"ב, שד"ח דין חינוך וכל האחרונים).

יז) אויב מען גייט מקבל פנים זיין א טאט'ן יום כיפור מעג מען אריינגיין אין וואסער ביזן האלז, אבער נישט צו א פרעמדן (תרי"ג סעי' ה').

יח) א עירובי תחומין מעג מען נאר מאכן פאר א מצוה, צום ביישפיל אויב ער וויל מקבל פנים זיין דעם טאטע'ן, אבער נאר דעם ריכטיגען, (עי' או"ח תט"ו ס"א, ואף שלא מוזכר בהדיא אב, מ"מ פשיטא דפשיטא לכל מעיין דזהו ג"כ בכלל מצוה וכ"ש הוא מאיסור רחיצה ביוה"כ דמתירין כמ"ש או' י"ז, ופשוט).

יט) עס קען אויסקומען ער זאל זיין א עדות פאר זיינע ריכטיגע עלטערן אדער געשוויסטער אהנע וויסען, וואס קען ברענגען גרויסע מכשולות ביי אלע ענינים פין די תורה, ווי גיטין, שטרות, דין תורה, כאטש ער איז פסול מן התורה, (עי' חו"מ סי' ל"ג ב').

כ) א טאטע איז מחויב ערשט אויסצולייזען זיין זוהן פון תפיסה, פאר א פרעמדן (ה' צדקה רנ"ב י"ב).

כא) תשעה באב מעג מען דורכגיין אַ וואַסער ביזן האַלז מקבל פנים זיין דעם פאַטער נישט קיין פרעמדן (או"ח תקנ"ד ב').

כא*) אַמאָל קען מען באַגיין רציחה אומזיסט (עי' מכילתא ורש"י שמות כ"ב ב' עה"כ אם זרחה השמש).

כב) עס קען זיין אַ שטערונג אין אמונה (עי' רמב"ם באגרת תימן שאמונה שלנו מטעם שאבותינו שעמדו על הר סיני הורישו כן לבניהם, ובניהם לבניהם, וחזקה אין אדם מוריש שקר לבניו, וזה לא שייך בהא. ואע"ג דלטעותו הרי הוא מקבל מאביו מ"מ מי יודע אם גם טעם נסתר יש בו וכמ"ש והגדת לבנך וגו' והודעתם לבניך ולבני בניך, ולמען תספר באזנך בנך, וכיוצא הרבה מקראות).

כב) לכתחילה דאַרף מען פאַסטען אין טאָג פון די עלטערנ'ס יאָרצייט, לכה"פ דאַוונען, קדיש זאָגען און געבן תיקון (עי' או"ח תקס"ח, יור"ד ת"ב).

כג) איינס פון די וויכטיגסטע ענינים אַזוי ווי משניות לערנען לעילוי נשמת דעם פאַטער ווערט געשטערט.

כד) אויב דאָס קינד איז אַ כהן און מען ווייסט נישט [צוליב דעם נייעם פאַטער], קומט אויס אַז מען איז מבטל ביי אים די מצוה פון מכבד זיין אַ כהן ערשט מיט אַלעם, אַזוי ווי ליינען אין די תורה (גיטין נט. או"ח קל"ה, ע"ש במ"ב סק"ג), ברכת המוציא (קס"ז יד, מ"א ס"ק יג), בענטשען ערשט (סי' ר"א ב), נעמען אַ שיינע טייל ערשט (מ"א שם ד).

דאָס זעלבע אויב צוליב זיין נייעם פאַטער ווערט ער אַ כהן, קומט אויס אַז מען איז דורך אים מבטל פון אַנדערע כהנים די מצות.

כה) מען טאָר זיך נישט באַדינען מיט אַ כהן (או"ח קכ"ח מ"ה, ברמ"א ע"ש בבה"ל).

כו) דאָס קינד איז נישט מקיים אַלע דינים פון אבילות נאָך זיינע עלטערן און קרובים דאָס מיינט מבטל געווען עטליכע זעכציג סימנים פון שלחן ערוך (יור"ד ש"מ — ת"ג).

כז) אויב איינער קומט אויף אַ פלאַץ ווי עס האָט פאַסירט אַ נס פאַר זיין טאַטע'ן דאַרף ער מאַכען אַ ברכה (או"ח רי"ח ד), קען דעריבער אויס־קומען אַז מען מאַכט אַ ברכה אומזיסט אויף דעם נישט ריכטיגען טאַטע'ן, אָדער מען מאַכט נישט די ברכה ווען מען דאַרף.

כח) אַ זוהן איז פסול צו פסק'נן אַ דין תורה פאַר זיין טאַטע'ן, און דער טאַטע פאַר'ן זון (חו"מ ז' ט').

כט) אויב אַ זוהן מאַכט אַ מכה פאַרן טאַטע'ן וואָס עס קומט אַרויס בלוט דאַרף ער נישט באַצאָלן (חו"מ תכ"ד א'), אָבער פאַר אַ פרעמדן דאַרף ער יאָ באַצאָלן (שם תכ"א).

דאָ האָט איר אַ טייל פון דעם גרויסען ליסט פון פרויען דאָקטערענ׳ס וואָס מיר האָבען באַקומען פון דעם אויבענדערמאָנטען ענערגישער עסקן הרב טאלער שליט״א וואס האָט אַריינגעלייגט אָן אַ שיעור כוחות דאָס צו ערייכען.

די יעניגע וואָס האָבען קאָמפּליקאַציעס און שוועריקייטען צו נוצען די דאָקטערענס, קענען פרייוויליג רופען דעם אויבענדערמאָנטען רב וואָס איז גרייט יעדע צייט אַרויסצוהעלפען מיטען געבען נעמען פון אַנדערע פרויען דאָקטערענס איבער גאַנץ אַמעריקע.

The following is a listing of female obstetrician *and* the *hospital* that they are associated with:

NEW YORK INFIRMARY
321 E. 15th St.
New York, N.Y.
CA8-8000

DR. ZARECKA
16 W. 16th St.
New York, N.Y.
242-3131

DR. E. GARBER
360 First Ave.
New York, N.Y.
477-1325

DR. RAMA
30 East 40th St.
New York, N.Y.
683-1952 — 533-3520

DR. LAZARO
50 Park Ave.
New York, N.Y.
889-8813

DR. SHAH
237 First Ave.
New York, N.Y.
673-2144

DR. FREDERICA STIENBACH
310 East 12th St.
New York, N.Y.
477-7163

DR. RASELA GOLDSTEIN
905 Fifth Ave.
New York, N.Y.
737-4844

DR. V. CASTELLO
280 First Ave.
New York, N.Y.
533-3520

BEEKMAN DOWNTOWN HOSPITAL
170 Williams St.
New York, N.Y.
233-5300

DR. CHOKSHI
2 Styvesant Oval
New York, N.Y.
260-1463

BETH ISRAEL HOSPITAL
First Ave. and 16th St.
New York, N.Y.
420-2000

DR. E. GARBER
360 First Ave.
New York, N.Y.
GR7-1325

DR. M. P. WARNER
1035 First Ave.
2 East 85th St.
New York, N.Y.
BU8-5305

DR. BHADRA SHAH
237 First Ave.
New York, N.Y.
673-2144

DR. BETTY IU
Beth Israel Hospital
420-2000 Ext. 2255

MOUNT SINAI HOSPITAL
Madison Ave. and 100th St.
New York, N.Y.
650-6500

DR. R. NACHAMIE
985 Fifth Ave.
New York, N.Y.
288-1825

DR. G. PERL
829 Park Ave.
New York, N.Y.
288-9452

MAIMONEDES HOSPITAL
10th Ave. and 49th St.
Brooklyn, N.Y.
853-1200

DR. D. COCH
160 Malborough Rd.
Brooklyn, N.Y.
BU2-5733

DR. PANNOCCHIA
135 Ocean Parkway
Brooklyn, N.Y.
439-5920

FEMALE OBSTETRICIANS IN MANHATTAN

DR. RENNING
580 Park Ave.
PE8-4642

DR. L. ROSENFELD
133 East 73 St.
UN1-9000

DR. LAPEYRADE
601 West 177 St.
781-4370
(Associated with Park East Hospital)

FEMALE OBSTETRICIANS IN BROOKLYN, N.Y.

DR. DORA PERINO
825 East 15th St.
859-3774

DR. TERESA FIGUEIRA
85 Pierpont St.
MA4-4640

DR. JOAN SPITALERI
1 Hansen Pl.
638-5130

DR. G. MACALUSO
416 74th St.
833-0733

DR. LINDA SESE
57 McGuinnes Blvd.
389-7010

DR. M. CLARKE
1 Plaza St.
857-3636

ב"ה.

# מודעה ואזהרה

## מאת הרבנים הגאונים בד"צ פרושים וחסידים שליט"א

אזוי וויא דיא לעצטע צייט איז פערשפרייט געווארען צווישען יודישע פרויען שענדליכע אויסגילאסינע טראגעס אונד דיא בנות ישראל וועלכע זיינען בארימט גיוען פון עוויג אהן מיט זייערע איידעלע צניעות מיט וועלכע דיא יודישע פאלק האט אימער געשטאלצירט. האבין ליידער אהן גיהויבען נאך צוא גייען דיא פארשייטע מנהגי אומות העולם. אונד דאצו נאך אין עיר הקדש ירושלים ת"ו, עס איז אגרויסע שאנדע פאר אונז יודען עס טוט וויי דאס הארץ זעהענדיג וויא נידעריג דער כבוד פון בנות ישראל איז גיפאלען. פיעל מאהל האבען מיר שוין אפעלירט אבער צום גרויסען בעדויערין האט אונזער הערצליכער געשריי נאר וועהניג גיהאלפען, דיא אוינען איז זיי פארבלענדט געווארען פון צוא זעהן וויא מיאוס אונד נידעריג דאס איז.

**יעצט שטייען מיר פאר די ימים נוראים.** בעטען מיר ווידער דיא אללע וועלכע זיינען נעבאך דורך געפאלען מיט זייערע קליידונג, **זאלען תשובה טאהן,** אונד פון היינט אן צוא גייען יודיש גיקליידעט, **ערלאך אונד צניעות,** אונד דיא גבאים פון דיא שוהלען זיינען מיר **מחייב בכח התורה ובכח ב"ד יפה,** ניט צוא פארדינגען קיין שטאט אין וויבער שוהל צוא דיא יענינע מיטן בלוזען קאפף אדער קורצע ארבעל אדער קורצע קלייד און דעם גלייכען, דאס מוזען זיי מזהיר זיין דיא פרויען בעפאר. **אום עס זאל קיין קטרוג ניט זיין אין דיא ימי הדין אז דיא תפלות מיט שופר בלאזען,** זאלען חלילה ניט מקובל ווערען. דורך דעם פארשייטען אונד אומווערדיגען גוישען גאנג.

אונד מיר האפען אז הקב"ה וועט זיי דער וועקען דיא הערצער לשוב בתשובה שלימה אונד וועט אונז געבין א גוט יאהר **ולשנה טובה נכתב ונחתם לגאולה שלמה אמן.**

בעה"ח ביום ה' א"ך לחדש רחמים. תרפ"ח.

נאם **מרדכי ליב רובין**

נאם **יצחק** במוהר"א ז"ל **פרענקיל**

נאם **דוב צבי קרעלענשטיין**

נאם **ישראל זאב מינצבערג**

נאם **אלימלך הכהן רובינשטיין**

מקום החותם בד"צ חסידים

# כרוזא קורא בחיל

## לאפרושי מאיסורא

## בבת ישראל ראינו שערוריא ואין איש שם על לב.

מספחת צרעת ממארת פשתה בעה״ר בארה״ק נגד תוה״ק ונגד חוק המוסר והצניעות ונגד חוק האנושיות ואפילו כמתוקנים שבאומות אינם עושים אשר בכל מדינות הארץ נפרדו המלבושים, בין מלבושי גבר למלבושי אשה עתה אהה! צעירות עבריות לובשות בנדי שחץ ואיסור, מכנסים בלי שמלות והולכות בחוצות ירושלים עיה״ק באין מחריד. והאיסור מפורש בכתוב „לא יהיה כלי גבר על אשה״ והחמירו הפוסקים הרבה בזה האיסור כדי שלא יבוא להתקרבות ח״ו אנשים ונשים. זאת ועוד אחרת שהוא ממלבושי הפריצות אשר כבר ידוע לכל כי הם אביזרייהו דגילוי עריות שדינם חרוץ „יהרג ואל יעבר״.

**לכן באנו באזהרה חמורה לכל מי שיש בידו למחות שמחויב למחות בכל כחו, ולההורים אבות ואמהות אנו מזהירים שישגיחו בעינא פקיחא על בנותיהם להסיר מעליהם מלבושי שחץ ופריצות, ולהלבישן בנדי צניעות כדת משה ויהודית.**

ויזכו לראות בלבוש עמנו בנדי תפארתם בביאת משיח צדקנו בב״א.
הכו״ח בצעה״ק ירושלים, ירח שבט תרצ״ז, (שלום לארץ לפ״ק).

נאם **שלמה ליב אליעזראוו** זצ״ל
הרב דעיה״ק חברון

נאם **שמשון אהרן פולונסקי** זצ״ל
רב מטעפליק

נאם **יחיאל מיכל הורוויץ** זצ״ל
רב בכנסת וסביבותי׳

נאם **אלימלך הכהן ראבינשטיין** זצ״ל
דומ״ץ לעדת החסידים

נאם **דוד בהר״ן** זלה״ה
מו״ץ בשערי חסד

נאם **מאיר שוורץ** זצ״ל
הרב רפדהי״ץ

נאם **שלום מלמד** זצ״ל
הרב ראיטן

נאם **אברהם יצחק הכהן גרושקא** זצ״ל
רב מפינסק

נאם **דוד בריזל** זצ״ל

נאם **פנחס אפשטין** שליט״א
ראב״ד

נאם **אפרים מנשה כהן** ס״ט זצ״ל
מזקני המקובלים

נאם **מרדכי עזראן** זצ״ל
מלמנים חבר הבד״צ בח״א

נאם **יהודה חאדאד** זצ״ל

נאם **אליהו לופס** זצ״ל
רב בפורת יוסף

נאם **מרדכי יהודה הערציל** זצ״ל
תלמיד הכתב סופר

נאם **ברוך פעלדברנד** זצ״ל

נאם **זליג ליב בהרב ר׳ טודרס** זצ״ל

נאם **אהרן לעווינטאל** זצ״ל

נאם **ישראל זאב מינצברג** שליט״א
רב ומו״צ בעיה״ק ירושלים ת״ו

נאם **עזרא עטייה** ס״ט שליט״א
ראש ישיבת פורת יוסף

נאם **עובדי׳ הדיא** ס״ט שליט״א
חבר בי״ד

נאם **דוד יונגרייז** שליט״א
דומו״ץ

נאם **ישראל יצחק רייזמן** שליט״א
דומ״צ

נאם **משה עדס** שליט״א
חבר בי״ד

נאם **חיים הירשמן** שליט״א

נאם **ישראל לוריא** שליט״א

נאם **חיים יוסף דינקלים** שליט״א

דפוס ש. וינפלד ירושלים

בעזהי"ת. ב"ה עמ' עש"

# פסק הלכה

## שנתפרסם בשנת תרפ"ח

בית דין צדק
לכל מקהלות האשכנזים
פעיה"ק ירושלים תובב"א

בנשיאות רבינו הגאב"ד מרן יוסף חיים זאננפעלד שליט"א (זצוקי"ל)

פעיה"ק ירושלים ת"ו יום י"א לחדש אייר שנת תרפ"ח.

כאשר בעוה"ר פשתה המספחת של מלבושי שחץ, ופרצו גדרי הצניעות, סמל עמנו הקדוש, מאז ומעולם.
באופן מבהיל מאד ה' ירחם.

**ורבים מיראי ה' פונים אלינו להורות להם את הדין והדת.**

והנה אם כי המפורסמות אין צריכות ראי', אך מחמת דרשו בה רבים בעוה"ר.

**והורגלו במלבושים קצרים ובבתי יד קצרים, עד אשר הרבה מהמון עם נשכח מהם חומר האיסור ונעשה להם כהיתר ח"ו.**

**על כן הננו להודיע בזה כי כל אשה ישראלית חייבת ע"פ דין תוה"ק ללבוש בגדי צניעות כאשר נהגו בנות ישראל הכשרות מאז ומעולם בלא שום שינוי**

**דהיינו במלבושים ארוכים עד קצה האחרון היותר אפשר, ומצד הראש יכסה את כל בית הצואר כמנהג הצנועות ובבתי ידים ארוכות עד כפות הידים.**

**וכן בשאר הבגדים חייבות לנהוג צניעות.**

**וחלילה ללבוש אנפלאות מנוקבות מעשה רשת אשר הרגל נראה מתוכן, או אנפלאות מגוון עור הגוף.**

כל אלה פגול הוא לנו אומה קדושה וטהורה מדור דור.

**וכמו כן כל אחד מחויב לחנך את בנותיו הקטנות בצניעות וקדושה שגם הן תלבשנה בגדי צניעות ולכל הפחות שהשמלה תכסה בארכה את רוב הרגל, ובתי ידים שיכסו את רוב היד.**

ובשכר זה יקויים בנו מקרא שכתוב והייתם לי סגולה מכל העמים וגו' ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש. ונזכה לגאולה קרובה בב"א.

בד"צ לכל מקהלות האשכנזים

**נאם מרדכי ליב רובין** | **נאם יצחק במוהר"א ז"ל פרנקיל** | **נאם דוב צבי קארעלנשטיין**

ראיתי הכתוב מהרה"ג הביד"צ נ"י ויאשר כחם וחילם לתקן הפרצות. ובעה"ח המחכה לישועה קרובה **יוסף חיים זאננפלד**

---

דברי הגאונים הצדיקים הנ"ל תקיפי דארעא דישראל זצוק"ל אינם צריכים חיזוק, ובוודאי שמצוה רבה לשמוע בקולם ולהוסיף גדרים בדרכי הצניעות כמקובל לנו מדור דור וע"ז נאמר לא תסור מכל אשר יורוך ימין ושמאל וגדולה המצוה הזאת כי תגן עלינו בעקבתא דמשיחא ולזכותינו לראות בקרוב בביאת משיחנו בב"א.

הכו"ח טוב לחודש מרחשון תש"ל פעיה"ק ירושלים ת"ו

**נאם פנחס עפשטיין ראב"ד ירושלים עיה"ק תובב"א**

**נאם דוד הלוי יונגרייז**

**נאם הק' משה ארי' פריינד**

**נאם ישראל באאמו"ר הגה"ק מהרי"צ זצוק"ל דושינסקי**